# „פערדיענט עולם־הבא.

מיר האט זיך געחלומט, אז איך בין געשטארבען
(פון הארצוועהטאג — נים פאר קיין מענשען געדאכט! —
די קראנקהייט האט פיעל שוין מחברים פערדארבען,
א תל פון פיעל יודישע־קינדער געמאכט...).
איז בין איך געשטארבען... נו, מילא, פערשטעהט איהר,
עס איז דאך קיין חילוק נים — פריהער צו שפעטער:
געקרענקט ווי עס פאסט פאר א יודען, גאנץ שטארק,
און... אים פונ׳ם וועלטעל — אראב פונ׳ם מארק!...
מע האט מיך מלוה געוועזען בכבוד!
דער באר־חזן האט אויף מיר ביטער געקלאגט
מיט „אל־מלא־רחמים״: דער דין רב דוד
האט טאבאק געשטעקט און א הספד געזאגט
נאך איהם דער ראבינער — א רעדע געהאלטען
א לאנגע, א לאנגע, אהן וואג און אהן מאס,
צוויי יודענעס האבען די נעזער געהאלטען
אין פארטוך, צוויי יונגליך — דעם פינגער אין נאז...
עס האבען די פושקעס געקלאפט און געקלונגען,

צעדן פאר תּלמוד־תּורה־ניקעס זענען אין ריאַד
געגאַנגען און „צדק לפניו״ געזונגען...
בקיצור, געווען א גרויסער פּאַראַד,
א וואַזשנע לויה געווען...

און בשעת
מען האָט געחלאָפּאָטשעט אַזוי אַרום מיר,
איז, נעבעך, געשטאַנען — „העני ממעש״ —
מיין בידנע נשמה אַליין ביי דער טהיר,
זי איז ביי טהיר פון גן־עדן געשטאַנען,
פאַריאָמערט, פאַרחושכ׳ט, אין לייד און אין פּיין
און גיסענדיג שטראָמען־ווייז ביטערע טרערען,
געקלאָגט פאַר דעם מלאך: „אוי, לאָז מיך אַריין!״
„— אַריינלאָזען? ווילסט אין גן־עדן? ביסט, כ׳לעבען,
קיין נאַר גאָר ניט... זאָג־זשע מיר, טייערעס קינד,
וואָס אויפגעטהון האָסטו אַזוינס אין דיין לעבען?
מיט וואָס האָסטו, זאָג, עולם־הבא פאַרדיענט?...״
„אוי, מלאך! איך וויים... כ׳האָב אין לעבען פיעל צרות,
פיעל שמערצען געליטען: מען האָט מיך געפּלאָגט,
געשלאָגען מיט מיר, לא עליכם, כפּרות
פאַר פרעמדע עבירות, געזידעלט, געיאָגט...״

„– ניין, ברודער, מיט דעם וועסטו גארנישט דא מאכן:
ניין, ווייז נאר ארויס עפעס בעסערע זאכן
די סחורה, רב יוד,
וואס דו האסט געבראכט פון יריד"...

אוי, מלאכ׳ל, מלאכ׳ל! לאז מיך צופריעדן,
איך בין דאך נישט מעהר – א מחבר געווען –
געאקערט דאס פעלד פון זשארגאן מיט׳ן פען,
געטריבען זשארגאנישע שירים פאר יודען,
עס פלעגט מיך בעגיסען דער ביטערער שוויים
דעם משקל־השיר מיט די גראמען צו האלטען,
צעזור מיט נקודות... אוי, מלאכ׳ל!... כ׳וויים,
א חידוש, ווי כ׳האב דאס געקאנט גאר דערהאלטען..."

„הא? וואס? – האט דער מלאך געטהון א געשריי:
וואס הער איך?–ווארט אויס נאר, ווארט אויס .. אהן לצנות:
צעזור מיט א משקל?! אוי, וועה איז מיר, וועה!
דו ביסט דאך א קדוש, אויף מיינע נאמנות! –
זשארגאן מיט א משקל?! זשארגאן מיט צעזור?!
קאפויר אי די וועלט, אי די גאנצע נאטור!...

קום, קרוין מיינע, קום!... ברוך־הבא!
גענוג דיר. דו ביסט שוין מיט צרות גאנץ זאט,
דו האסט אויף דער ערד שוין דיין גיהנום געהאט,
האסט כשר פערדיענט עולם־הבא!"